# יחידה'ל

אין אידיש

גליון שבועי לעילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

פרשת וישלח תשפ"ד / גליון ס"ה



קול דודי

0722 531 385

**וויכטיגע מעלדונג**

מערכת "קול דודי" באנייעט זיך מיט נייע נומבערס אין אמעריקע און אין אידרופה

אין אמעריקע

605.313.6695

אין אידרופה

033.0551.7811

דא וועט איר קענען ממשיך זיין זיך צו דערקוויקן דאס הארץ, טאג טעגליך, מיט די זיסע לעבעדיגע חסיד'ישע שמועסן


הלימוד היומי בספרי חסידות

**לשבוע הבעל"ט**
**ספה"ק מאור עינים** (בראשית)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | וכל זמן שיש מיעוט |
| שני | ובשעת מתן תורה |
| שלישי | ועל כן נאמר שם |
| רביעי | ואצל משה נשאר |
| חמישי | והנה בחינת<br>עד ד"ה ועל כן במתן |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624

## חסיד'יש געדערט

א חסיד'ישע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# אָן אמונה קען מען 'טון' - אבער נישט 'אויפטון'

### דער יצר הרע איז שוין מסכים אז מיר זאלן 'טון', אבי מיר זאלן נישט גלייבן דערין. ווייל ער ווייסט, אז אויב מיר רעספעקטירן עס נישט - וועט גארנישט ווערן דערפון

שלמה יאנקל איז א זאכליכער אינגערמאן מיט א גרויסע מאס 'אמונת צדיקים', ווען אימער ער לערנט א שטיקל חסיד'יש ספר, נעמט ער אָן אלץ וואס שטייט דארט מיט אמונה.

וויבאלד שלמה יאנקל האט זיך פיל מאל באגעגנט מיט די ווערטער פונעם בעל שם טוב הק' און זיינע הייליגע תלמידים, אז א מענטש דארף לערנען יעדן טאג מוסר ספרים - אפילו טאמער ער שפירט נישט ווי עס ווירקט אויף אים און ער האט א נוצן דערפון - דעריבער האט ער עס מקיים געווען אויף למעשה, ער האט זיך געמאכט א קורצער אבער קביעות'דיגער שיעור אין 'חובות הלבבות'; ווי ער לערנט יעדן טאג א פאָר מינוט, ער לערנט אפּ א פאָר שטיקלעך, ער נעמט צוזאם א 'סך הכל', און ער פרובירט עס אפצוטייטשן אויף למעשה.

ווען איינער זאל פארהערן שלמה יאנקל'ען יעדן טאג, צי ער האט היינט געשפירט א חילוק אין זיין טאג - צוליב זיין שיעור אין חובות הלבבות, וואלט ער מן הסתם רוב מאל געענטפערט 'ניין'! אבער ווען מען קוקט אינעם לאנגן טערמין, זעט מען יא א גרויסער שינוי אין אים! נאך אלעם, די ווערטער גייען אריין אין הארץ, און קומען שפעטער ארויס דא און דארט - אויף למעשה.

אזוי איז אריבערגעגאנגען א לענגערע תקופה, ווען שלמה יאנקל האלט אן דעם שיעור מיט עקשנות. ביז... איין טאג איז דורכגעגאנגען נעבן אים דער 'שארפער' אינגערמאן זאנוויל, און זעענדיג ווי שלמה יאנקל זיצט מיט א פשוט'ן 'חובות הלבבות', האט זיך א האלב שפאטישער שמייכל אויסגעשפרייט צווישן זיינע ליפן, און מיט א מאך מיט די הענט גיבט ער שיס ארויס א זאץ: "עה, וואס? דו מיינסט אז אביסל 'חובת הלבבות' וועט מאכן די זאך?...".

מער האט נישט אויסגעפעלט. די ווערטער פונעם 'אלץ ווייסער' זאנוויל, זענען אריינגעקראכן אין די קישקעס פון שלמה יאנקל, און אנגעזייט א חורבן. אודאי האט ער נישט נאכגעלאזט זיין קבלה פון לערנען מוסר, ווייל ער איז א גרויסער 'עקשן' אין עבודת ה', אבער די געפיל און 'אמונה' דערין - אט דאס האט נאכגעלאזט! יעדעס מאל וואס ער האט זיך געזעצט לערנען זיין שיעור אין חובות הלבבות, איז נאכאמאל ארויפגעקומען די געפיל, אז ער טוט דא גארנישט אויף, און עס איז מער 'סגולה' ווי 'פעולה'.

א חודש איז פאראיבער זינט יענעם שמועס, און די רעזולטאטן האבן אנגעהויבן ארויסצוקומען. קיינער ווייסט נישט וויאזוי, אבער דאס איז דער פאקט: נישט בלויז אז שלמה יאנקל האט פארלוירן דעם חשק און געשמאק אינעם לערנען, נאר אויך האט עס טאקע אויפגעהערט צו ווירקן אויף אים! אינעם לעצטן חודש זעט ער נישט ביי זיך קיין שום חילוק און שינוי - דורכן לערנען חובת הלבבות!

## דו טוּסט יא אויף - דו גלייב נאָר!

דער הייליגער גרויסער מגיד פון מעזריטש זי"ע - וואס היינט שבת קודש געפאלט זיין יארצייט - זאגט (מגיד דבריו ליעקב, קפח), אויפן פסוק פון אונזער סדרה: "**וַיִּגַּע בְּכַף יְרֵכוֹ**", אז דאס גייט ארויף אויף 'אמונה'. ווייל א איד קען אויפטון מורא'דיגע זאכן מיט יעדע גוטע פעולה וואס ער טוט, ער דארף אבער גלייבן אין דעם! טאמער ער גלייבט נישט אז ער טוט אויף - טוט ער טאקע נישט אויף!

אט איז זיין הייליג לשון: "**כְּשֶׁאָדָם מְקַשֵּׁר אֶת עַצְמוֹ בְּהשי"ת, אֲזַי כָּל הָעוֹלָמוֹת שֶׁלְּמַטָּה מִמֶּנּוּ מִתְקַשְּׁרִים בַּבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ עַל יָדוֹ. לְמָשָׁל לְאָדָם שֶׁיֵּשׁ לוֹ כֹּחַ עַל יְדֵי אֲכִילָה וּמַלְבּוּשִׁים, נִמְצָא כְּלוּלִים בּוֹ דּוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר שֶׁל הָעוֹלָמוֹת, וְכֻלָּם מִתְקַשְּׁרִים בְּהשי"ת עַל יָדוֹ, וְהָעִקָּר שֶׁיְּקַשֵּׁר אֶת עַצְמוֹ בְּהשי"ת. וְאִם אֵינוֹ מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁפּוֹעֵל בְּדִבּוּרוֹ וּבְהִתְקַשְּׁרוּתוֹ בְּהשי"ת - בֶּאֱמֶת אֵינוֹ פּוֹעֵל לְמַעְלָה כְּלָל! וְזֶהוּ שֶׁכָּתוּב 'וַיִּגַּע בְּכַף יְרֵכוֹ', פֵּרוּשׁ, שֶׁלָּקַח מִמֶּנּוּ הָאֱמוּנָה. וּכְלָל גָּדוֹל הוּא הָאֱמוּנָה. שֶׁיֵּשׁ כַּמָּה בְּנֵי אָדָם שֶׁיֵּשׁ לָהֶם אַהֲבָה וְיִרְאָה, וְאֵין פּוֹעֲלִים לְמַעְלָה כְּלוּם מֵחֲמַת חֶסְרוֹן הָאֱמוּנָה שְׁלֵמָה**".

מורא'דיגע דיבורים! א מענטש קען פליען אין די עולמות, לעבן מיט א העכערע דביקות אינעם אויבערשטן מיט א מורא'דיגע אהבה און יראה. נו, אזא מענטש וואלט דאך געדארפט קענען אויפהייבן די גאנצע וועלט און אלעס צוריקברענגען צום אויבערשטן - וויבאלד ער עסט דאך און טוט זיך אן בגדים, וואס זיי זענען נכלל פון אלע חלקים אין דער בריאה - און פארוואס טאקע געשעט דאס נישט? ווייל ער גלייבט נישט אז ער קען דאס טון! ער דערלייגט ממש די גאנצע זאך, בלויז צוליב אביסל 'חסרון אמונה בעצמו'.

רבינו הקדוש זי"ע (וועלכער האט געדרוקט דעם 'מגיד דבריו ליעקב' מיט זיינע הגהות) צייכנט דא צו: "עיין לקמן סימן רכ"א". דאס הייסט, אז דארט שטייט עפעס א 'השלמה' צו דעם ענין פון וואס מען רעדט דא. נו, לאמיר גיין לערנען יענעם שטיקל:

"**צָרִיךְ לְכָל אָדָם לִהְיוֹת לוֹ אֱמוּנָה גְּדוֹלָה לָזֶה, שֶׁכָּל מַה שֶּׁהוּא עוֹשֶׂה, אֵיזֶה מִצְוָה אוֹ לִמּוּד תּוֹרָה אוֹ תְּפִלָּה - מִתְעוֹרֵר תַּעֲנוּג לְמַעְלָה. וְלֹא יֹאמַר בְּלִבּוֹ אֵיךְ אֶפְשָׁר שֶׁאֲנִי אֶעֱשֶׂה תַּעֲנוּגִים כִּבְיָכוֹל לְמַעְלָה, עַל זֶה נֶאֱמַר 'וְנִרְגָּן מַפְרִיד אַלּוּף', כִּי כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל נִקְרֵאת אֱמוּנָה, 'אֱמוּנָה אֹמֶן'. וּבְכָל הַמִּצְוֹת יַחְשֹׁב שֶׁיִּהְיֶה תַּעֲנוּג גָּדוֹל לְעֵלָּא, שֶׁיָּבִיא כָּל הַדְּבָרִים לְעוֹלָם הַתַּעֲנוּג, שֶׁשָּׁם לֹא הָיָה שְׁבִירָה, עַל דֶּרֶךְ 'הַחָכְמָה תְּחַיֶּה בְעָלֶיהָ', וּמְחַיֶּה אוֹתוֹ... וְזֶה הַכְּלָל שֶׁצָּרִיךְ לְהִתְעוֹרֵר לְמַטָּה הַהִתְלַהֲבוּת, דְּהַיְנוּ הַתַּעֲנוּג שֶׁלּוֹ, רוֹצֶה לוֹמַר שֶׁיִּהְיֶה לוֹ תַּעֲנוּג מַמָּשׁ בְּמַה שֶּׁעוֹשֶׂה רְצוֹן הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ, כְּדֵי שֶׁיָּבוֹא לָעוֹלָם הַתַּעֲנוּג**".

ווער עס פארשטייט: דא גייט שוין דער מגיד ארויף נאך א העכערן טרעפל, אז נישט בלויז אמונה אז איך טוה אויף א געוואלדיגן תיקון אין דער בריאה - נאר גלייבן נאכמער, אז איך ברענג א 'תענוג' און פארגעניגן פארן מלך מלכי

**נישט בלויז אז ער האט פארלוירן דעם חשק און געשמאק אינעם לערנען, נאר אויך האט עס טאקע אויפגעהערט צו ווירקן אויף אים!**

המלכים! וואס דאס איז אסאך א גרעסערע זכיה - אָן קיין שיעור - ווי אלע תיקונים וואס א מענטש קען טון אין דער בריאה! און אויך דא, שטעלט דער מגיד אוועק אלס א חלק דערפון די 'אמונה': דו זאלסט גלייבן אז דו מאכסט טאקע א תענוג, און דורכדעם וועסטו אויך באקומען א תענוג אין דיין עבודה! אלעס דרייט זיך ארום די 'אמונה'.

## אמונה - חיבור

מיר האבן דא געלערנט א 'יסוד' וועלכע איז אונז נוגע ביי יעדן ריר אין אידישקייט: גלייבן אין וואס מיר טוען! אלס קליין דוגמא האבן מיר געזען, וויאזוי שלמה יאנקל האט פארלוירן זיין חשק - און דערמיט אויך זיין 'תועלת' - פון זיין שיעור חובות הלבבות - אלעס צוליב דעם וואס ער האט פארלוירן די אמונה דערין! און דאס איז נוגע ביי יעדן מענטש: ער קען לערנען, דאווענען און מקיים זיין מצוות, אבער אלעס וועט זיין מיט א טרוקנקייט און פוילקייט, און אָן קיין טראָפּ חיות און חיבור. און איבריג צו זאגן, אז צומאל וועט ער אפילו פארנאכלעסיגן פון אויספירן בפועל זיינע קבלות און ענינים - צוליב גרויס מינדערוויכטיגקייט וואס ער שפירט דערצו.

דאס ערגסטע איז נאך: אז אפילו דאס

המשך אין עמוד ד

# מצב פון הלל

## וואספארא קנין אין נפש קענען מיר מיטנעמען פון חנוכה אויף א גאנץ יאר? • און וואס איז דער חילוק צווישן 'זאגן' הלל, און 'שפירן' הלל?

**אברהם יצחק:** מיר שטייען שוין נאנט צו חנוכה, כ'מיין אז מיר מוזן שוין אנהייבן רעדן איבער חנוכה.

**משפיע:** אוודאי, א שאלה? נאר ביים דערמאנען דאסווארט 'חנוכה' ווערט גוט אויפן הארץ... די לעכטלעך שיינען אונז אריין אין הארץ, אזויווי דער הייליגער רבי ר' הערשעלע רימאנובער זי"ע האט געזאגט, אז פונקט ווי ווען א מענטש רייזט דורך א וואלד פריידט ער זיך ווי נאר ער דערזעט א שיין ארויסשטראלן פון א הויז פונדערווייטנס, אזוי אויך טוט חנוכה דערלייכטן דאס הארץ אין די פינסטערניש פון ווינטער וואס האט נישט קיין יו"ט מן התורה, ס'שיינט אויף די נשמה אין די חשכת הגלות. אבער וואס ווילסטו הערן אויף חנוכה?

**אברהם יצחק:** דער אמת איז אז ס'מאכט נישט אויס... דער עיקר זיך צו מעורר זיין און האבן א התלהבות אין חנוכה.

**משפיע:** כ'האב נישט קיין פראבלעם דיר צו אנצידן א 'התעוררות', כ'וועל אנהויבן 'ארומווארפן' פארשידענע מימרות און ווערטער אויף חנוכה... מ'קען רעדן שעות אויף שעות, דאס ווילסטו? אייגנטליך קענסטו פאר דעם צוועק אליינס נעמען א ספר, א קדושת לוי, א בני יששכר, אפשר גאר מאיר עיני חכמים...

> ס'איז דא א געוויסע 'מצב פון הלל' ביי א מענטש, און דער מצב דארף אנגיין פארן גאנצן טאג אבער ס'ווערט ארויסגעברענגט מיטן מויל ביי הלל

**אברהם יצחק:** נישט דאס האב איך געמיינט... כ'האב געמיינט אנכאפן עפעס א נקודה אין עבודת ה' מיט וואס כ'וועל ארבעטן און לעבן דורכאויס די ימי החנוכה.

**משפיע:** כ'וואלט צוגעלייגט: און אויך פארן גאנצן יאר...

**אברהם יצחק:** ריכטיג, כ'וויל הערן א נקודה אין עבודה מיט וואס כ'וועל לעבן דורכן יו"ט, און ס'וועט משפיע זיין אויף מיר פארן גאנצן יאר.

## א גאנצע טאג הלל?

**משפיע:** נו, לאמיר אנכאפן איין נקודה און עס פרובירן אויסקלארן, בעז"ה. איינס פון די יסודות'דיגע ענינים אין חנוכה איז הלל והודאה, אזויווי חז"ל זאגן: "קבעום בהלל והודאה", דאס הייסט, מיר באקן איין די טעג אין זיך דורך הלל והודאה, דאס איז די עבודה פון די טעג.

**אברהם יצחק:** אה, ווילסט רעדן וועגן אמירת הלל און על הניסים, אז מ'זאל עס זאגן מיט התלהבות? כ'וויל אן ענין פון עבודה וואס איז מיר יעדן טאג נוגע.

**משפיע:** וועגן דעם האב איך גענוצט דאס לשון פון חז"ל "קבעום בהלל והודאה", דאס באדייט אז די עצם טעג ווערן נקבע אין אונז דורך הלל והודאה. ווייל ווען מ'זאגט הלל ווי מ'דארף, איז עס משפיע פארן גאנצן טאג. די מהות פון חנוכה איז כל-כולו הלל והודאה, און כאטש מ'זאגט הלל נאר איינמאל א טאג, טוט מען דעמאלטס בלויז אויסדריקן דעם הלל מיטן מויל, אבער די געפילן און מצב פון הלל והודאה דארפן באגלייטן דעם גאנצן טאג.

**אברהם יצחק:** אוהו, דער משפיע זאגט נייע זאכן. וואס מיינט 'זיין אין מצב פון הלל והודאה א גאנצן טאג'? און בכלל, וואס מיינט א 'מצב פון הלל והודאה'? וואספארא מצב איז דאס?

**משפיע:** צוערשט וויל איך דיר מסביר זיין, אז זאגן הלל ווי מ'דארף מיינט נישט נאר אז מ'עפנט א סידור און מ'זאגט הלל אויפן נוסח, מ'זינגט די ניגונים... ביז מ'ענדיגט זאגן די ווערטער. אן אמת'ע 'הלל' מיינט אז מ'האט א געוויסע געפיל פון הודאה און שירה צום אויבערשטן אין הארץ, א געפיל וואס שטאמט פון א הכרה אין חסדי ה', אן הכרה אין וויפיל חסד ס'ליגט אין יעדע גוטס וואס מ'האט, און אט די געפילן דריקן זיך אויס מיט זאגן הלל. דאס איז די ריכטיגע פארנעם וויאזוי מ'דארף זאגן הלל, ווען פון די געפילן קומט ארויס א שירה וזמרה בשעת הלל. יעצט פארשטייסטו אז ס'איז דא א געוויסע 'מצב פון הלל' ביי א מענטש, און אז די מצב דארף אנגיין פארן גאנצן טאג אבער ס'ווערט ארויסגעברענגט מיטן מויל ביי הלל.

**אברהם יצחק:** פיין, אבער כ'וויל פארשטיין: וויאזוי לייגט מען זיך טאקע אריין אין דעם מצב? און בכלל: לויט ווי דער משפיע שילדערט, אז דאס הארץ איז פול מיט געפילן פון חסדי ה', האט עס נישט דווקא צוטון מיט חנוכה? חסדי ה' באגלייטן אונז דאך יעדע רגע?

## א צייט צו אנערקענען חסדי ה'

**משפיע:** גערעכט, ס'איז טאקע געפילן וואס מ'קען און דארף שפירן א גאנץ יאר, אבער חנוכה איז די פאסיגע צייט צו ערוועקן דאס הארץ צו שפירן די געפילן, און די הרגשים דארפן אונז באגלייטן פארן גאנצן יאר. נאך מער: די כח עס צו מעורר זיין, קומט א דאנק די כח הנס פון חנוכה.

**אברהם יצחק:** פארוואס? וואס האט די נס פון די נרות צוטון מיט דעם געפיל?

**משפיע:** קוק, די נושא האט אסאך טיפע ענינים, אלע ספרי חסידות זענען פול מיט ביאורים אויף די ניסים פון חנוכה, און ס'איז דא זייער אסאך מהלכים אין דעם. אבער צוערשט וויל איך דו זאלסט פארשטיין, אז ס'מאכט נישט אויס אויף וואספארא נקודה מיר שטעלן זיך, ס'מאכט נישט אויס וועלכער ספר דו לערנסט, יעדנפאלס דארף די תוצאה זיין א טיפע געפיל פון הודאה ושירה צו השי"ת!

דאס הייסט, אפגעזען אויב וועסטו זיך מתבונן זיין אין די אור פון אור הגנוז, אין די נס נצחון המלחמה, אין די אור למעלה מדרך הטבע וואס איז מרומז אין מספר ח', אין די חביבות וואס השי"ת האט געוויזן פאר כלל ישראל וועלנדיג זייער הדלקת נרות, אין די חביבות פון טהרת ישראל וואס איז נתגלה געווארן אין די נס, אדער אין די אמונה פשוטה וואס האט באזיגט חכמת יון, אא"וו אזויפיל געוואלדיגע ענינים פון חנוכה - יעדער פון זיי דריקן זיך אויס אין הארץ דורך א הלל והודאה צום אויבערשטן. דאס איז פשט פונעם אויבנדערמאנטן מאמר חז"ל "קבעום בהלל והודאה", ווייל די מיטל, די וועג וויאזוי מיר זענען 'קובע', און קריצן איין די הארות פון די טעג אין זיך - איז דורך הלל והודאה.

און דערפאר מוז זיך יעדער אפשטעלן און אריינטראכטן אין די ענינים, און חסיד'ישע ספרים העלפן צו אריינצוגיין און פארשטיין די מהות פון די נסים וואס השי"ת האט געטון מיט אונז, ווי אויך ערוועקן זיי דאס הארץ צו שפירן די קוועלער אור און שפע וואס גיסט זיך אויף אונז א דאנק די נסים, און דורכדעם ווערט דאס הארץ נתעורר צו הלל והודאה.

**אברהם יצחק:** הייסט אז חנוכה איז נישט נאר א צייט ווען מיר דאנקען השי"ת אויף די נסים וואס ער האט אונז געטון אום חנוכה אליינס, נאר ס'איז א צייט וואס ווירקט אויף אונזער הערצער צו שפירן חסדי ה' בכללות, זיך צו געפינען בכללות אין א מצב פון הלל והודאה. יעצט כאפ איך אז דורכאויס 'הלל' ווערט אינגאנצן נישט דערמאנט די נס פון חנוכה... הייסט אז אין חנוכה זענען מיר פארנומען צו דאנקען השי"ת אויף זיינע חסדים אויף א כללות'דיגן אופן, אויב אזוי קום איך צוריק צו מיין פראגע:

לכאורה נעמט זיך די מהות פון חנוכה מכח דעם נס וואס האט דאן פאסירט, אויב אזוי פארוואס האט דווקא דעם נס אזא כח אריינצושיינען די הרגשה אין אונזער הארץ? פארוואס טוט אונז דווקא דעם נס צוברענגען צו דאנקען השי"ת אויף זיינע אלע חסדים?

## מלחמה אן קיין אייגענע כח

**משפיע:** פרעגסט גוט, אבער ווי כ'האב דיר געזאגט, מ'קען עס מסביר זיין אויף פארשידענע וועגן און ס'איז שווער אלץ צוזאמצוקלויבן אין קורצן. אבער לאמיר כאטש אנכאפן איין נקודה.

חנוכה איז צוזאמגעשטעלט פון צוויי נסים: די נס נצחון המלחמה און פון די נרות המנורה. די מסקנא וואס קומט ארויס פון ביידע נסים איז, אז מיר פאר זיך האבן גארנישט, נאר השי"ת וויל אונז צוליב זיין גרויסע אהבה! און דאס איז פשט פון הלל והודאה! 'הודאה', דאנקען, באדייט אז ס'קומט מיר נישט, ווייל וואלט איך זיך עס פארדינט דארף מען דאך נישט דאנקען דערויף, קומט אויס אז 'הודאה' מיינט: איך אנערקען אז איך האב נישט קיין אייגענע זכות, נאר דער צווייטער טוט מיר דעם טובה פון זיין זייט. די אמת'ע הודאה כלפי השי"ת איז ווען מיר אנערקענען אז מיר האבן נישט קיין שום אייגענע כח, און מיר זענען מודה אז אלץ וואס מיר האבן קומט נאר פון זיין זייט.

נאך מער: טאקע פון די הכרה קומען מיר צו צו 'הלל', דאנקענדיג השי"ת טאקע אויף דעם אז מיר האבן אזא באשעפער! ס'איז א הכרה אין די ליבשאפט וואס השי"ת

חלק מהוצאות הגליון השבוע
נתנדב ע"י הרה"ח רבי אליעזר זוסיא פארטיגאל שליט"א
לרגל שמחתו בהולדת בתו למזל טוב
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע יזכה לרוות ממנה רוב נחת

חלק מהוצאות הגליון השבוע
נתנדב לטובת נשמת
הרה"ק ר' יחיאל מיכל ב"ר נתנאל הכהן זצוק"ל
אב"ד איוואריש, בעמ"ס סולת יפה
זכותו הגדול יגן עלינו

הפצת הגליון
בק"ק וויען
נתנדב ע"י

ברכת מזל טוב
שלוחה בזה לידידנו הנאמן, המסור תמידין כסדרן למען הפצת האוד
הרה"ח רבי בערל דייטש שליט"א
לרגל שמחתו בנישואי בתו למזל טוב
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע יזכו לבנות בית נאמן בישראל

האט צו אונז, און די וואונדערליכע כח וואס השי"ת האט אונז געגעבן דורכ'ן אונז דערנענטערן צו אים און אונז דערהויבן העכער פון אלע כוחות פון טבע!

**אברהם יצחק:** אבער וואו ליגט דאס אין די צוויי נסים פון חנוכה?

**משפיע:** ווייל לאמיר אריינטראכטן: די חשמונאים זענען ארויס אין א קריג מיט אפאר קעמפפער אקעגן צענדליגער-טויזנטער מעכטיגע סאלדאטן, וויאזוי איז זיי בכלל ארויפגעקומען אויפן געדאנק זיך אריינצולייגן אין אזא אומבאלאנסירטע מלחמה? דעם ענטפער איז, אז אזעלכע תשבונות ווי 'צאל' און 'כח' הייסט נאר פאר איינער וואס האט כח אין זיך, ער האט עפעס א סטראטעגיע וויאזוי צו זיגן, און דערפאר מעסט ער זיינע שאנסן, זיין קראפט, וויפיל קעמפפער ער האט צו די האנט, ווער זיין קעגנער איז או"וו.

אבער די חשמונאים האבן געשפירט מיט א קלארקייט אז זיי פאר זיך האבן נישט קיין שום כח, און דערביי האבן זיי אנטדעקט אין די הערצער פון אידישע קינדער אז א איד איז העכער פון טבע, ער איז כל-כולו מסירות נפש - טאקע וויבאלד ער האט נישט קיין אייגענע מהות און מציאות. ווען זיי האבן געזיגט די מלחמה, איז נתגלה געווארן מיטן פולן גלאנץ אז דאס איז ווירקליך די מציאות! ס'איז נישטא אזא מושג ווי טבע, און מיר אנערקענען אז מיר האבן נישט קיין אייגענע כח, און טאקע דערפאר האבן מיר די שטערקסטע כח פון די גאנצע וועלט - העכער ווי יעדן כח הטבע, ווייל מיר זענען קשור און באהאפטן צום אמת'ן כח וואס איז למעלה מן הטבע, אין די כח פון בורא וואס איז אלעס מחיה ומהווה!

**אברהם יצחק:** און וואס איז מיט די נס פון די נרות, שוין נאכן זיגן אין קריג?

**משפיע:** קודם כל, די נצחון המלחמה אליינס וואלט מען נאך געקענט אנהענגען אין פארשידענע נאטורליכע אורזאכן, דערפאר האט השי"ת געוויזן בחוש ווי די נרות ברענען למעלה מדרך הטבע און זיך דערביי מגלה געווען למעלה מן הטבע. נאך מער, אין די נרות איז נתגלה געווארן וויפיל השי"ת וויל אונז און אויך אין אונזער עבודה, ווייל ער האט געמאכט א נס אז די ליכט האט געברענט פאר אכט טעג, כאטש זיי האבן זיך געקענט באנוצן מיט טמא'נע שמן אלס 'טומאה הותרה בציבור', אבער השי"ת האט אונז געוויזן אז ער וויל דווקא אין אונזער 'טהרה'. אין איין ווארט: אין דעם נס האבן מיר געזען בחוש אז השי"ת וויל אונז און האט אונז ליב.

**אברהם יצחק:** אינטערעסאנט, ווייל ס'איז שוין סייווי געווען א נס ביי די נרות, ווייל די נר מערבי האט שטענדיג געברענט?

**משפיע:** הא גופא! טאקע ווייל 'נרות' טוט בכללות צייגן דעם רצון וואס השי"ת האט צו אונז, ווי חז"ל זאגן "עדות היא שהשכינה שורה בישראל", דערפאר האט זיך אייביג אנטפלעקט דערין אן אור למעלה מן הטבע, א צייכן אויפן גילוי ה' למעלה מדרך הטבע. און דעריבער, נאכן נצחון המלחמה ווען די חשמונאים האבן זיך מוסר נפש געווען למעלה מן הטבע, האט אונז דער אויבערשטער באוויזן זיין חביבות למעלה מן הטבע דווקא אין די נרות, ווייל זיי ווייזן שטענדיג אויפן השראת השכינה צווישן אונז. און נישט נאר דאס, נאר השי"ת האט עס אונז ארויסגעוויזן אין א צייט ווען ס'איז נישט פארבליבן קיין סאך צדיקים, דער בית המקדש איז געווען פארשוועכט און גלות יון 'החשיכו עיניהם של ישראל' מיט זייערע גזירות רח"ל, און דווקא אין אזא מצב האט אונז השי"ת ארויסגעוויזן זיין געוואלדיגע חביבות צו אונז למעלה מן הטבע, און עס שיינט אונז ביז היינט!

ווען א מענטש איז זיך מתבונן אין דעם און אין נאך אסאך נקודות, ווערט ער פול מיט 'הודאה' - א הכרה אז ער האט נישט קיין זכות עצמי, און מיט 'הלל' - א שמחה אויפן זיין דבוק צו השי"ת און אויפן זיין א חלק פונעם עם הנבחר, וואס דערהייבט אונז העכער פון די גאנצע טבע.

**אברהם יצחק:** און די געפיל דארף אונז באגלייטן א גאנץ יאר. סקוק זיך אויס אז ס'קומט א לעכטיגער חנוכה!

**פונקען** / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**'כי כי חשק ואפלטהו' - דער עיקר עבודה פונעם מענטש איז מעורר זיין די חשק, און דעמאלטס 'ואחלצהו' וועט מען זוכה זיין ארויסגיין פון גלות**

המגיד הגדול ממעזריטש זי"ע

# א כוס פון ביטול

אה, אין צוויי וואכן ארום פאלט דער ערשטער טאג חנוכה ווען מיר וועלן זוכה זיין צו טרינקען אינעם זילבערנעם בעכער!", דריקט ער זיך אויס מיט גלוסטעניש דער יהודי הקדוש פון פרשיסחא זיע"א

די ווערטער פאראורזאכן חיים דוד'ס געזיכט צו טוישן קאלירן.

צווישן אלע אנוועזנדע ווייסט חיים דוד, אז דעם רבינ'ס ווערטער זענען געריכטעט בלויז צו אים. "דער רבי מיט זיינע אפענע אויגן ווייסט זייער גוט דעם מצב מיטן בעכער, ער וויל אז כ'זאל עפעס דערוועגן", שטורעמען זיינע געדאנקען.

"לאמיר שוין גיין צום מקווה. יעבור עלי מה! איך ברענג אים די בעכער", באשליסט ער מיט אן אייזערנע שטארקייט. חיים דוד רוקט זיך ארויס פון צימער.

יענע סעקונדע ווען די הייליגע זילבערנע בעכער האט זיך ארויס געגליטשט פון חיים דוד'ס האנט טיף אריין אין מקוה... האט חיים דוד געשפירט אז זיין וועלט קומט צו א סוף.

שרעקליכע געדאנקען זענען אים דורכגעלאפן אין קאפ, געפילן פון יאוש האבן ארומגענומען זיין הארץ.

די גלענצנדע מאמענטן ווען די זילבערנע כוס ווערט געברענגט פאר זיין הייליגן רבי'ן, די אויסגעלייטערטע אויגן וואס זענען הימלישע זאכן אין אט דעם כוס וואס פליישיגע אויגן זענען נישט אומשטאנד אויפצוכאפן, די שעצונג וואס דער קדוש ווייזט צום בעכער אויף אזוי ווייט אז ער באשטימט צו טרינקען דערין בלויז אינעם ערשטן טאג חנוכה - די אלע בילדער זענען אים ארויפגעשווימען אינעם יעצטיגן קאשמאר, נאכדעם וואס ער האט געוואלט שאפן א קורת רוח ביים רבי'ן און אים טובל'ען די אויסגעקוקטע בעכער פאר חנוכה. און יעצט האט אים דאס ערגסטע פאסירט. די ביטערע מציאות שמייסט אים אין פנים.

"ווער ווייסט וואספארא תיקונים נשגבים איך האב יעצט דערלייגט אין הימל צוליב מיין שלימזל'ישקייט", טראפט דאס בלוט אין זיין חסיד'יש הארץ.

"גענוג!", שרייט זיך חיים דוד אן ביי א געוויסע שטאפל ווען ער שפירט, ווי די אנטמוטיגנדע געדאנקען שלעפן אים אריין אין עצבות רח"ל. "מ'קען נישט צוריקדרייען די פארגאנגענהייט, לאמיר כאטש זיין א ווארילער אידפון יעצט", מאכט ער אפ זיין החלטה און פארלאזט די מקווה.

די אומדערטרעגליכע קעלט פונעם נאכט טוט נישט אפשרעקן חיים דוד פון דורכשטופן זיין וועג א וואך שפעטער צום פארפרוירענעם מקווה. וואס איז נישט געווען מער ווי א קוואל וואסער וואס די שטאט'ס איינוואוינער האבן אויפגעגראבן ביים עק שטאט, און אויסגעפלאסטערט א לאנגע רייע טרעפ אריין אין די וואסער. ווער ס'האט זיך געוואלט טובל'ען, האט געדארפט אראפשטייגן ביז פאר די לעצטע צוואנציג טרעפ, און אזוי אריינגיין אין די קאלטע וואסער.

חיים דוד זעט יעצט גארנישט, אויסער זיין רבי'ן און די הייליגע כוס.

ער קומט שנעל אן צום קוואל, טוט זיך אויס די קליידער און לויפט מיט האסטיגע טריט אראפ די אכציג טרעפ ביז ער שפירט די וואסער ארום זיין ציטערדיגע גוף. ער שטעלט זיך נישט אפ, נאר זעצט פאר ווייטער אין וואסער.

חיים דוד קלעטערט ארום פאר א מינוט מיט פארמאכטע אויגן אין די אייז-קאלטע וואסער, און פאר נאך א מינוט, און נאך א מינוט... ער פרובירט איינצוהאלטן זיין אטעם, אבער ער שפירט ווי ס'גרעניצט זיך שוין מיט פיקוח נפש. ער שטייגט ארויס פון וואסער.

ער געבט נאך א פרואוו, און נאך איינס, און נאכאמאל. אבער די בעכער איז נישט צום טרעפן.

"איך האב געטון מיינס פאר היינט", באשליסט חיים דוד, "דאס איבריגע וועל איך איבערלאזן פאר די טבילה וואס איך מאך צופרי אין די קומענדיגע טעג ביז חנוכה", שטייגט ער ארויף מיט א צובראכן הארץ.

די זון רוקט זיך צו מאכן פלאץ פאר די נאכט, וואס שיינט ווי דעם טאג מיט די הייליגע לעכטעלעך, נרות וואס לייכטן אויף די חשכות. א הייליג ציטער נעמט ארום אלע חסידים וואס קלאמערן זיך אין רבינ'ס הויף.

חיים דוד קומט אן מיט נאסע פיאות, מיט א הארץ צובראכן אויף פיץ-פיצלעך און מיט אן ערשעפטן גוף נאכן פרובירן מיט אלע מיטלען ביי די לעצטע טבילה פאר חנוכה פון וואס ער קומט יעצט צוריק - אן קיין כוס. אויך ער שטופט זיך אריין צווישן די חסידים.

"אה, מיר האבן שוין דערלעבט! ברוך שהחיינו!", רופט זיך דער יהודי הק' אן.

"הודו לה', היינט ביינאכט וועלן מיר שוין זוכה זיין טרינקען אינעם ריין-זילבערנעם בעכער!", לייגט ער צו מיט פרייד.

די חסידים פארשטייען נישט פארוואס חיים דוד'ס געזיכט ווערט ווייס ווי קאלעך. ביז געטיילטע סעקונדעס געפינט ער זיך מער נישט אין בית המדרש. ער לויפט צום מקווה אין איין אטעם.

"אדער קום איך ארויף מיטן בעכער, אדער בלייב איך אין די וואסער", שרייט זיין נשמה מיט מסירת נפש בשעת'ן לויפן, פרובירנדיג אוועקצוטרייבן די געפילן פון יאוש וואס דער יצר הרע שיקט אים אריין.

"דער רבי דארף דעם בעכער און כ'וועל עס אים ברענגען!", ווייסט ער זיכערערהייט.

חיים דוד קומט שנעל אן צום מקווה. מיט ברענעדיגע טריט שטורעמט ער אראפ די טרעפ, איין טרעפל און נאך א טרעפל ביז ער ווערט באדעקט מיט ציפעדיג-קאלטע וואסער. ס'קאכט אין אים, ער זוכט, ער נישטערט.

חיים דוד בייגט זיך איין צום ערד, ציהט אויס זיינע הענט, און... כאפט אן דעם בעכער.

חיים דוד ברענגט דעם בעכער צום יהודי הק'. יענע נאכט האט דער רבי געבענטשט אויפן כוס.

"אויף אזוי ווייט?!", ווענדט זיך הרה"ק רבי שלמה לייב פון לענטשנע זי"ע צום זיין רבי'ן, דער יהודי הק', "איר האט דאך גוט געוואוסט וואו דער בעכער געפינט זיך, פארוואס דארף מען אזוי ווייט אויסקוועטשן חיים דוד?".

"חסידים, וואס מער מ'קוועטשט זיי ארויס, וועלן זיי ווערן בעסערע כלים", דעקט דער צדיק אויף מיט קורצע ווערטער.

ווען נישט די שווערע קוועטשערייען, וואלט זיך די עומק פון ביטול און התקשרות ביי חיים דוד אין הארץ נישט אנטפלעקט.

דער יהודי הק' האט גוט געוואוסט די טיפקייט פון חיים דוד'ס הארץ, דערפאר האט ער עס מיט איין קוועטש נאכן צווייטן מגלה געווען.

# זיך גרייטן צו חנוכה

## פארוואס איז אזוי וויכטיג די הכנה צו א יום טוב? איבערהויפט צו חנוכה?

### שאלה:

ס'קומט די ימי החנוכה, און אזויוי פאר יעדע אנדערע יום טוב, רעדט מען אסאך איבער די וויכטיקייט זיך אנצוגרייטן צום יום טוב. וויל איך וויסן, פארוואס איז אזוי וויכטיג די הכנה? און עס איז קלאר אז דער אמת'ער אור המצוה איז נאר טאקע ווייל ס'איז א מצוה, וואס דאס ווערט דאך בכל אופן געטון?

### תשובה:

די הכנה צו א מצוה איז איינס פון די נקודות וואס דרך החסידות האט מחדש געווען, און ס'פארנעמט באמת זייער וויכטיגע ארט. די סיבה דערפאר איז על פי פשטות, ווייל די הכנה ברענגט א געוואלדיגע תשוקה, און תשוקה שאפט א חיבור, און חיבור מאכט פלאץ עס אריינצונעמען אין זיך. דאס הייסט, ווען דו גרייסט זיך צו א מצוה הייבסטו אן אויסצוקוקן דערויף, און דער כלל איז, אז ווען דו קוקסט אויס און ביסט הונגעריג צו עפעס, ווערסטו פילפאכיג מער באהאפטן דערצו, און אזוי ווערסטו געצויגן צו די אינהאלט פון די מצוה וואס איז: דביקות אין השי"ת! און ווי מער דו ביסט מחובר, אלץ מער קענסטו עס איינזאפן אין נפש און ס'דרינגט טיפער אריין אין דיין אפענע הארץ.

דאס הייסט - אז פשטות'דיג גערעדט, איז 'הכנה' באשטימט געווארן כדי אנצוגרייטן א גוטע און מער דויערהאפטיגע 'כלי' צו די מצוה.

### דער אור - גאר עפעס אנדערש

אבער מרנא דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע און זיינע הייליגע תלמידים זי"ע האבן מגלה געווען דערצו אסאך מער, זאגנדיג אז די עצם הכנה צו א מצוה האט אין זיך צוויי מורא'דיגע תועלת'ן:

**די ערשטע:** ערקלערט מרן הבעש"ט הק' זי"ע - אז די אור וואס ווערט נמשך דורך א מצוה אויף וואס מ'האט זיך פריער צוגעגרייט דערצו, איז גאר עפעס אנדערש. ס'איז העכער און מער דערהויבן ווי די אור וואס ווערט נמשך דורך א מצוה וואס מען האט נישט געמאכט קיין הכנה איידער דעם. ווייל דער כלל איז, אז ווען א מקבל איז זיך משתוקק צום משפיע, געבט אים דער משפיע אסאך א גרעסערן און איכות'דיגערע השפעה. אזוי אז די אור פון השי"ת וואס ווערט נמשך דורך א מצוה, ווערט נתגלה אסאך העכער און שטערקער ווען דער מקבל האט זיך צוגעגרייט און אויסגעקוקט דערצו.

דער בעל שם טוב זאגט עס אזוי ווייט, אז ווען עס ערשיינט ביי א מענטש אן אור אינמיטן א דאווענען אויף וואס ער האט זיך נישט מכין געווען, זאל ער זיך נישט אריינטון אין דעם ווייל אזא נישט געגרייטע אור קען ברענגען אויף א מענטש דינים ח"ו, נאר ער דארף תשובה טון אויף דעם וואס ער האט זיך נישט צוגעגרייט דערצו, און דורך די תשובה שאפט ער א תשוקה, און אזוי ווערט די אור המצוה אסאך גרעסער.

### ס'גיסט זיך איבער די זייטן

**די צווייטע מעלה:** ווערט מבואר אין 'קדושת לוי' - אז בשעת די הכנה ווערט נמשך אן 'אור מקיף'. וואס די אמת'ע משמעות דערפון איז, אז די הכנה איז אסאך העכער ווי די מצוה אליינס (ווי די ווארט וואס יעדער קען בשם צדיקים), ווייל הכנה ברענגט אסאך א גרעסערע אור. וואס דאס מיינט, אז די הכנה איז נישט קיין מענטשליכע פעולה, נאר ס'איז א געטליכע פעולה, ווייל אן אור עליון רוהט דערין! אזוי אויך ווערט געברענגט אין 'אוהב ישראל', אז די תשוקה צו א מצוה איז גרעסער ווי די מצוה זעלבסט, ווייל בשעת די תשוקה גלוסט מען צום אויבערשטן אן קיין גבול, ווידעראום די מצוה אליין איז א באגרעניצטע אור.

אין אמת'ן ווערט שוין דער נקודה מבואר אין דברי האריז"ל, שרייבנדיג אז ברכת המצוות איז אן 'אור מקיף', און דערפאר האבן זיך חז"ל (פסחים ז:) אויסגעדריקט דערויף מיטן לשון "עובר לעשייתן" וואס מיינט 'קודם', 'איידערן עס מאכן'. פרעגט זיך די שאלה, פארוואס שטייט דאס לשון 'עובר' און נישט 'קודם'? נאר מ'וויל אונז דא מרמז זיין אז די אור פון ברכת המצוות איז 'עובר על גדותיו', 'ס'גייט אריבער', 'ס'גיסט זיך איבער די זייטן'! און דאס איז דער ענין פון 'אור מקיף', וועלכע איז העכער פון אלע גרעניצן.

און נישט נאר וואס ס'ווערט נמשך אן 'אור מקיף' וואס דאס איז דאך לכאורה א אור וואס נעמט ארום דעם מענטשן אן ער זאל משיג זיין, נאר דער אור העלפט צו אז אויך שפעטער בשעת'ן קיום המצוה, ווערט נמשך דער אור אין אונז אינעווייניג.

### 'הכנה' ספעציעל ביי חנוכה

**יעצט, אלעס וואס מיר האבן גערעדט ביז אהער גייט אן ביי יעדן יום טוב, אבער אנבאלאנגט נרות חנוכה טרעפן מיר א ספעציעלע געוויכט אויפן ענין פון הכנה.** ווי באקאנט, האט הרה"ק דער 'מאיר עיני חכמים' זי"ע פארפאסט זיין גרויסן ספר אויפן אור פון די ימי חנוכה, נאכן צוזען די עבודת הקודש ביי זיין הייליגן רבי'ן דער 'אור המאיר' פון זיטאמיר זי"ע בשעת'ן אויסרייניגן און גלאנצן די מנורה, און פון די עבודה האט אריינגעשיינט אין אים די גאנצע אור פון ימי חנוכה אזויווי ס'ווערט ברייט ערקלערט לענגאויס זיין אויבנדערמאנטן ספר הק'.

און אזוי האט מען טאקע געזען ביי צדיקים, ווי זיי האבן אראפגעלייגט א גאנצע עבודה אין דאס אנגרייטן די קנויטלעך, די אויל אא"וו. דער שורש הדבר ווערט געברענגט אין כוונת אריז"ל, וואס טוט אין אן אויסערגעווענליכן פארנעם מבאר זיין גאנצע כוונות וואס מ'דארף מכוון זיין בשעת'ן אנגרייטן די פתילות, שמן אא"וו. אין אמת'ן נעמט זיך מקור דערפון פון די 'הטבת הנרות' וואס איז געווען אין בית המקדש (ווי באקאנט פונעם רמב"ן אין פרשת בהעלותך, אז די ימי חנוכה איז איין המשך פון די מנורה אין בית המקדש, וועלכע שיינט אין אונערע צייטן דורך די נרות חנוכה), וועלכע איז נאך איבערגעשטיגן דאס צינדן די נרות אליינס, ווייל "הדלקה כשירה בזר", אבער די הטבה איז נאר כשר דורך א כהן.

די סיבה דערפאר קען מען זאגן, אז ס'איז מרמז אז די גאנצע ענין פון המשכת אור און הדלקת נרות איז נישט קיין זאך וואס ווערט דורך א מענטש, נאר ער דארף זיך בלויז צוגרייטן אין זיין הארץ און נפש דערויף, און דער אויבערשטער שיינט אים שוין אריין די אור. דעריבער ווערט געלייגט דער עיקר דגוש פון די עבודה אויפן אנגרייטן די נרות און אזוי אויך אנגרייטן דעם נפש, און דער אור ווערט נשפע פון אויבן!

מיט הצלחה און סייעתא דשמיא!

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

וואס ער וועט שוין יא 'טון' - וועט ער דערמיט נישט 'אויפטון'! ווי דער הייליגער מגיד זאגט, אז די גרויסע אויפטוען - געשעען נישט אויטאמאטיש. בלויז טאמער א מענטש גלייבט אין וואס ער טוט - דעמאלט טוט ער אויף דערמיט! און דעריבער זעט מען טאקע, אז דער יצר הרע איז אסאך מאל מסכים אז מיר זאלן טון די גרעסטע זאכן איף דער וועלט, אבי מיר זאלן נישט גלייבן דערין און עס נישט רעספעקטירן. ווייל ער ווייסט, אז טאמער מיר גלייבן נישט דערין - וועט גארנישט ווערן דערפון אויבן, און אויך אונטן וועט עס נישט האבן קיין 'קשר' און 'חיבור', נו, ווילאנג וועט דען אזא זאך בכלל אנהאלטן?!

מדה טובה מרובה: טאמער א מענטש מאכט א ברכה, ער טראכט א מחשבה פון 'אני מאמין', ער איז זיך א משהו מתגבר אויפן יצר הרע וכדומה, און ער גלייבט אז דערמיט ברענגט ער, אז כביכול זאל הנאה האבן מיט אזעלכע תענוגים און שעשועים וואס מען קען זיך נישט פאָרשטעלן - נו, וואספארא הנאה האט אזא מענטש פון זיין טאג טעגליכער לעבן וועלכע איז פול מיט אזויפיל תענוגים פארן אויבערשטן?!

אזוי אויך, טאמער א איד גלייבט, אז מיט יעדע גוטע מחשבה, דיבור און מעשה - הייבט ער אויף ריזיגע 'שטיקער וועלט' צום אויבערשטן - מאכט ער טאקע אן איבערקערעניש אויף דער וועלט! טאמער וואלטן מיר געהאט א געלעגנהייט מקרב צו זיין טויזנטע נשמות צו אידישקייט, וויפיל וואלטן מיר זיך אנגעשטרענגט עס צו טון?! נו, מיר האבן שוין די געלעגנהייט! מיר טוען עס שוין סייווי מיט יעדעס ווארט תורה וואס מיר לערנען! מיר דארפן בלויז גלייבן דערין!

צום אויספיר לייגט דער הייליגער מגיד צו א וויכטיגע אזהרה: **"אַךְ אִם כֵּן יֹאמַר אָדָם בְּלִבּוֹ שֶׁהוּא גָּדוֹל מְאוֹד, וְיָבוֹא לִידֵי גֵאוּת וְגַדְלוּת, וְלָזֶה אָמַר 'רְבָבָה כְּצֶמַח הַשָּׂדֶה נְתַתִּיךְ וַתִּרְבִּי וַתִּגְדְּלִי וַתָּבֹאִי בַּעֲדִי עֲדָיִים וְגוֹ' וְאַתְּ עֵרֹם וְעֶרְיָה', מִי נָתַן לָךְ הַכֹּחַ הַזֶּה 'אֲנִי אֲנִי הוּא'"**. דער געפיל פון 'ענוה' האט צוויי ווערסיעס, א פסול'ע און א כשר'ע ווערסיע. דער פסול'ער נוסח איז: "מיינע מעשים זענען גארנישט ווערד און טוען גארנישט אויף!". אט דאס איז ריכטיגע 'כפירה'. פון צווייטן זייט, טאמער ער שפירט, אז זיינע מעשים זענען זייער חשוב מצד עצמו, ווייל 'ער' איז דער וואס טוט דאס ריכטיג און געלונגען - טויג עס ווייטער נישט! ווייל דאס איז ריכטיגע 'גאוה' און 'ישות'. די כשר'ע ווערסיע פון ענוה איז: מיינע מעשים זענען גאר גאר חשוב, אבער נישט ווייל איך בין 'עפעס', ניין! אלס מיר אויס - בין איך גארנישט! נאר וואס דען? דער אויבערשטער האט מיר אויסגעוועלט אז איך זאל זיין דער 'מובחר הבריאה' און אז מיינע מעשים זאלן שפילן אזא ראלע אין דער וועלט, און צוליב 'אים' זענען מיינע מעשים אזוי חשוב!



אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, רופט דער גבאי: 347.452.3118
אימעיל DD0722531385@gmail.com | תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483